# אידישיסטען.

(א מאָנאָלאָג פון א קיעווער יוד).

—ווי געהט עס מיט מיין סעמייסטוואָ? נישט צו פערזינדיגען עס דרודעלט זיך... היינט געהט ביי אונז אַ נייע סדרה—אידישיזם, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע נאמנה אַזאַ? — ווייס איך נישט. זאָגען, זאָגט מען, אַז דאָס איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס אידישקייט, נאָך מעהר פון אידישקייט, אידישקייט מיט אַ שמיציג... און מען פערטייטשט עס מיר מיט כל-ערליי משונה-מאָדנע ווערטער, הלואי זאָל עס זיין צו גוטען.

עס איז געקומען אַזוי ווייט מיט דער דאָזיגער אידישקייט, אַז איך בין שוין געוואָרען דער גוי. אַמאָל פלעג איך טענה'ן צו מיינע קינדער: זייט אידען! היינט טענה'ן זיי צו מיר: טאַטע, זיי אַ איד!... אַמאָל איז מיין עלטערער זוהן געווען זינאָוויע וולאַדימיראָוויטש, מיין יונגערער זוהן — געראַסים וולאַדימיראָוויטש און מיין טאָכטער, די קורסיסטקע—קלאַוודיאַ וולאַדימיראָוונאַ. איך בין, הייסט עס, געווען דער וולאַדימיר. געפעלט אייך עפעס אַ וולאַדימיר? וואָרום, איך, אַז איך נעהם אַראָב דאָס היטעל און בלייב אין יאַרמולקע, זעה איך דאָך אויס ווי אַן'עלטער קריסט... היינט פרובט אָנרופען מיין זוהן „זינאָוויע",

וועט ער אייך די אויגען אויסדראַפּען. זלמן זאָל מען איהם רופען. און נישט נור זלמן, נאָר זלמן-טודרס—ער האָט זיך דערמאָנט אַז די באָבע, ע"ה, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ נאָמען, נאָך אַנ'עלטער-זיידען, טודרס... און מיין גערעסים הייסט זיך רופען ג ר ו נ ם. עס געפעלט איהם דער נאָמען גרונם. אַמאָל איז אַזאַ נאָמען געווען חוכא וטלולא, היינט איז עס אַ געהויבענע זאַך. עס האָט אין זיך, זאָגען זיי, אַ קלונג אַזוינעם. סע קלינגט מיט עפּיס אַזוינס, ווי רופען זיי עס, פאָלקטיטימליכקייט... דער גוטער יאָהר ווייסט זיי...

אַמאָל, אַ שטייגער, פלעגען קומען צו מיינע קינדער געסט-חברים. פלעג איך שוין און מיין אַלטע מוזען ברעכען. זיי צייהן און רעדען רוסיש. נישט איינמאָל פלעגט מיין אַלטע זיך וועלען אויסדרעהען און שיקען מיך: געה-שוין, געה, וועלוועל, די געסט זענען געקומען און מען דאַרף מיט זיי רעדען רוסיש, און איך האָב אַזוי קיין צייט נישט און קיין כח נישט... פלעג איך שוין געהן. פאָרט אַ מאַנסביל, מעהר קוראַזש. „זדראַסטי, זדראַסטי"!. היינט פרובט זיך אויסרעדען „זדראַסטי", וועט מען אייך דורס זיין. און ביי מיר — אַ רגילות, אַ לעבען, אַז מען מושטירט מיך. כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט יונגוואַרג א „זדראַסטי!" איז הימעל עפען זיך, פּינקט ווי איך וואָלט בעגעהן, ווער ווייס וואָס פאַר אַ קרימינאַל. „אידיש, אידיש, זאָל מען רעדען!"— גוטע יאָהרען, אַז מען הייטט טאַטע-מאַמע רעדען אידיש. מילא, אידיש, איז אידיש. נאָר וואָס איז דאָס אָבער פלוצלונג געוואָרען אַזאַ בהלה מיט'ן אידיש, פערשטעה איך ניט. מיט דער שטוב-שיקסע רעדט מען שוין אידיש; מיט דער קאַץ, מיט דעם הונט, מיט דער בהמה... כ'מיין, אפשר זענען זיי געּרעכט... פון וואַנען איז טאַקי געדרונגען, אַז מיט אַ בהמה און מיט אַ קאַץ דאַרף מען רעדען רוסיש? אָבער וואָס פערלאַנגען זיי— אַז עס קומט לפידות דער רופא אָדער קלמנזאָן דער פּאָדריאַדטשיק, זאָל איך מיט זיי אויך רעדען אידיש. אַ שען פנים וואָלט עס האָבען, ווי מיינט איהר ?

וואָלט עס געווען כאָטש אַ אידיש-רעדען! פערשטעה איך

זייער אידיש נישט מעהר פון דאָס גאַנצע אידישקייט זייערס, אַז געטראָפען אַ סלוטשיי" איז ביי זיי „געשעהען אַ געשעהעניש", אַז אַזאַ פשוט וואָרט, ווי „ניעפּריאַטנאָנסט", איז ביי זיי אונאַנבענעמליכקייטישקייטען... איהר קענט עס אַרויסרעדען?

אַנו, זייט אַ בריה און טרעפט, וואָס איז דער טייטש: „אָנגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט", „געמאַכט אַ בעמערקונג" און „געענדיגט"? טענה איך צו זיי: אַמער רעדט אידיש: „אָבראַשצאַעט וונימאַניע", „געמאַכט אַ זאַמיעטשאַניע" און „געקאָנטשעט"— וועט מען פערשטעהן וואָס איהר רעדט!

אַ פּנים האָט עס געהאַט, ווען מיין טאָכטער פלעגט, נישט היינט געדאַכט, רעדען מיט מיין אַלטער רוסיש, און אַ פּנים האָט עס ביי מיר היינט, ווען זי רעדט מיט איר אידיש, מיין טאָכטערס אידיש: שטימונג, און לאַנגווייליגקייט. און סאַנטימענטאַליטעטלוזיקייט... פון וואַנען קען איך דאָס אָט די ווערטער? — אָט, מען הערט זיך אָן, איינגעשטודירט. פאָרט בין איך דאָך עפּיס אַ מאַנסביל. נור מיין אַלטע, נעבעך, מוטשעט זיך נאָך היינט מיט דעם אידיש, ווי אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, מיט דעם רוסיש. אַ אידענע פערבייט זי די יוצרות. וואָרום, באמת גוה זיי אַ בריה און טרעף, ווען מען דאַרף זאָגען „אויסוואורף", ווען „פאָרוואורף" און ווען „אויפרוף"!?

אין וואָס נאָך בעשטעהט זייער אידישקייט?—מען שטודירט דעם צאינה־יראינה און נאָך אַזעלכע תחינות...

מיין זינאָוויע, מיין זלמן טודרס. מיין איך, זעצט זיך אַוועק איבער'ן צאינה-וראינה, ווי אַ פּראָפעסאָר אין פאָנסנע, אָהן אַ היטעל און לערנט מיט גרויס התמדה. קנייטשט דעם שטערען, דרעהט מיט'ן גראָבען פינגער און פערגעהט זיך פון גרויס טיעפקייט און מתיקות... מיין גרעאַסים, גרונם מיין איך, שרייבט פון דאָרטען אויס גאַנצע שטיקער צו זיך אין ביכעלע אַריין, מיט הערות, מיט הגהות און פרושים, און מיין טאָכטער קלאַוודיאַ, קיילע מיין איך דרוקט עס אָפּ אויף אַ שרייב-מאַשין.

איהר פערשטעהט? 38 יאָהר איז מיין זלמן-טודרס אַלט. אויסגעשטודירט און אויסגעלערנט אַלע נאַאוקעס שבעולם; אויסגע.

וועו, וואו די וועלט האָט אַנ׳עק: אין לייפּציג, אין פּאַריזש און אין פראַנציע, אויסגעלייענט אַלע ביכער מיט אַלע פילאָזאָפיעס, מיט אַלע ביבלאָטעקעס מיט אַלע פּראָקלאָמאַציעס מיט טאָלסטאָיען און דאַרווינען און גאָרקי׳ן און איידיסאָאו. נישטאָ קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט וויסען. ווילט איהר, וועט ער אייך דערקלערען דעם שכל פון אַ גראַמאָפאַן; ווילט איהר, וועט ער דערקלערען, פאַר־וואָס איז אין קיטיי אַ רעוואָלוציע. און טאָמער איז אין קימיי נישטאָ קיין רעוואָלוציע, וועט ער אייך דערקלערען, פאַרוואָס איז דאָרטען נישטאָ קיין רעוואָלוציע. ווילט איהר, וועט ער אייך מאַכען אַ רעגענבויגען אין מיטען העלען טאָג, נישט אויפ׳ן הימעל. חלילה, נור אויף דער ערד ממש. מיט אַ קוואָרט וואַסער און אַ שפּריצער... ווילט איהר וועט ער אייך דערקלערען, דעם שכל פון געלד, נישט ווי אַזוי מען פערדיענט געלד. אויף דעם, ברוך השם, דאַרט מיר נאָך דער מח. נור דער עצם ענין פון געלד, פאַר־וואָס. אַז מען האָט געלד איז מען אַ נגיד, און אַז מען האָט נישט קיין געלד איז מען אַנ׳אביון און אַ קבצן אין זיבען פאָלעס. פאָרוואָס אַ שניידער נעהט קליידער און אַ שוסטער שיך. הכלל, וואָס איהר ווילט נור אַליין; און איצט איז ער געקומען צום שכל אַז די גרעסטע נאָאוקע איז רעדען אידיש, און אַז מען דאַרף רעדען אידיש דוקא מיט דקדוק, און די גרעסטע הכמה שטעקט אין צאיגה וראינה...

און איך האָב נאָרנישט געוואוסט, אָז דאָרט געפינט זיך אַזעלכע גאונות.

איהר האָט געמעגט אַמאָל זיך צוהערען, ווי אַזוי מיין זלמן־טודרס לייענט דעם צאנה־וראנה הויך אויפ׳ן קול פאַר אַנ׳סולם פון זיינע געסט, ווי אַזוי אַלע האַלטען דאָס אָגגעשטעלט מייל און אויערען און זענען מכוון יעדער וואָרט: „און האָט גאָט געזאָגט צו נח, דאָש איך וועל טהון פערטיליגען אַלע בעשעפּענישען און ווידמענונגען. וואָס טהוען טהון ווידמענען אויף דער ערד, נייערט דו דאָש דער געפינען האָט חן זעליגקייט”... ווערט אַ שמחה אויף אַלעמען: „פערטיליגען׳ אָוואַ! „טהוען טהין פערטיליגען” ס׳אַטייער וואָרט ס׳אַגאָלדען וואָרט „ווידמענונגען!” און „נייערט! היינט

„זעליגקייט”... הכלל, מען צעגעהט פאַר התפעלות.

און וואָס נאָך? די צאַצקעס פון צאינה וראינה פערנעהמט ביי זיי אַנ׳אויג. קלייבען זיך אַרום נעבען יעדער צאַצקע פון טייטש־חומש בעיאָהרענטע מענטשען, סטודענטען, מאָהלער פון קאַדעמיע און מען לעקט די פינגער. וואונדער איבער וואונדער! איך כאַפ אויף אַ קוק. אַ צאַצקע. „דאָס איז די מעשה, ווי אדם און חוה זענען אַרויסגעטריבען פון גן־עדן”. „דאָ בויט נח די תבה פון בימסענהאָלץ”. „דאָס איז, ווי רבקה גיט צו טרינקען די קעמלען פון אליעזר, דער קנעכט פון אברהם”. וואָס זאָל זיין? אבגעמאַלעוועטע קאַרטינעס. וואָלט עס כאָטש זיין געמאָלט מיט׳ן האַנד, איז עס געדרוקט מיט אַ מאַשין, זיי אָבער געפינען דאָרט מאָדגע חדושים: „שטיל” און „קונץ” און „שטריך” און „כאַראַקטערס” אין „היסטאָריע” און ווי ריפען זיי עס, פאָלקטילימליכקייט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווייסט איהר נישט, וואָס דאָס איז אַזונס?

צו טוען זיי עפעס, מיינע קינדער, געשעפט? איך ווייס? עפעס האַוועט מען, עפעס געהט ביי אונז אין שטוב אַ מסחר, נור איך ווייס נישט מיט וואָס. האָלץ נישט האָלץ, וואַלד נישט וואַלד, תבואה נישט תבואה, נור עפעס אַ משונה־מאָדנע סחורה. ווערליג איך הער חזרנ׳דיג דעם נאָמען, הייסט עס פאָלקלאָר. האָט איהר געהערט אַמאָל פון אזאַ סחורה?

דערווייל איז ביי מיר אין שטוב אַ פאָלנע קאָנטאָר, אַ קאַנטאָר פון פאָלקלאָר. מיין זוהן איז דער גלאַוונער דירעקטאָר. „טאָרגאָווי דאָם זלמן טודרס עט קאָמפאַניע”... ביכער מיט שרייבגעצייג, מיט קאָרעספאָדענציעס מיט קאַנצעלאַריעס. משולחים פאָהרען אַרום בכל תפוצות ישראל מיט טשעמאָדאַנען, מיט פאָרטפעלען. ווער עס אַרבייט אויף געהאַלט, ווער אויף פראָצענטען. און טעלעגראַמען געהען, קאָרעספאָדענציעס, געדרוקטע קאָנווערטען, פירמעס... און עס ווערט איינגעהאַנדעלט סחורה: אַלטפרענקישע מטלטלים, חפצים פון מלך סאָבעצקעס יאָהרען, שירי כלים, לידלאַך, אַ מעשה מיט אַ רב און אַ רביצין, ווערטלעך, משלים, רעטענישען... איך קאַוויר אייך, אַז ווען עס מאַכט זיך אייך אַ קאַזיאָנער פאָדריאַד פון אינטענדאַנסטוואָ, וואו איהר קענט כאַפען אַ

ר״ש אלפים רובל (און איהר זענט דאָך אַ איד אַ נצרך, וואָרום וועלכער איד איז נישט קיין נצרך?), וועט איהר זיך אַזוי נישט דערפרעהען, ווי מיינע קינדער, ווען זיי דערטאַפּען ערגעץ אַ קנעפּיל פון אַנ׳אַלטער יאַרמולקע, אָדער אַ לידעל פון אַ ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַט.

מיין יונגערער זוהן, גרונם, אַרבייט דאָ הי אויפ׳ן פּלאַץ. יעדעס מאָל פאַלט ער אַריין מיט אַנ׳אַנדער נדולה. און יעדעס מאָל איז ער אויסגעשמירט, ווי אַ שד. דאָ איז ער געקראָכען אויף אַ בוידעם און געפונען אַנ׳אַלט דעקעל פון אַ שמעק-טאַבאַק-פּושקע און דאָ איז ער געלעגען אונטער אַ בימה פון ערגעץ אַ שוהל, געפונען אַ שמה פון אַנ׳אַלטער תחינה.

איך, אַז איך וועל דערזעהן אַ שמה, וועל איך עס אויך נישט לאָזען וואַלגערן זיך אויף דער ערד. איך וועל עס אויפהויבען און פערשטעקען ערגעץ. ביי זיי איז דאָס אָבער גאָר אַ געהויבענע מצוה געוואָרען. ביי זיי גלעט מען עס אויס און מען פּרעסט עס אויס און מען קלעבט עס אַריין אין אַ בוך, און מען שטעלט עס אַריין אין אַ שאַפע הינטער אַ גלאָז נאַ פּאָקאַז.

איר האָט, אויף אַ טשיקאַוועס געמעגט אָנקוקען די דאָזיגע שאַפע, וואָס דאָרט טוט זיך! אַ מין רומעל מיט סחורה: אַ צובראָכענער שופר, אַ פערשזאַוועטע רעהר פון אַ הענג-לייכטער, אַ טאָוועל פון אַ מעביר יבוק, אַ טייטעל, אַ שמחת-תורה-פאָהן, אַ פּסול׳ע ציצה, אַנ׳אָבגעשלאָגענע הושענה וכדומה...

אין יעדער זאַך ליגט „פּאָ נאָמעראַציע״, פערשריבען אין רייסטער מיט אַ טדר, מיט אַנ׳אָרדנונג און מיט אַ -אַראָדניק...

פרעג איך אַמאָל מיין זלמן טודרס׳ן: זאָג מיר, זאָג איך, צוואָס קלייבסטו דאָס דעם גאַנצן האַרמידער מיט קלאַפּערגעציייג און שברי-כלים? זאָגט ער, דאָס איז אים טייער, מחמת דאָס איז אידישקייט. זאָג איך אים: אַ מאָדנע אידישקייט איז ביי דיר דיין שופר בלאָזט נישט, דיין הדס-פּושקע שמעקט נישט, דיין גרעגער גראַגערט נישט. אַ צוקאַליעטשעטע אידישקייט ביי דיר, זאָגט ער, אַז זיין אידישקייט איז די אמת׳ע אידישקייט און פאַרקעהרט: מיין אידישקייט איז אַ צוקאַליעטשטע, זאָג איך אים: אַ שען

אידעשקייט איז עס, אַז איבערשרייבען פון צאינה-וראינה, איז רעכ׳ט אָהן אַ היטעל, און לויפען הערען דעם רבינ׳ס נגון אין שטיבעל פאָהרט מען אויפ׳ן טראַמוואַי און דוקא אום שבת. זאָגט ער, אַז דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר איז דער תמצית פון אידישקייט. און דאָס האָט ער, און ביי מיר איז עס בלויז דער טפל. איר פערשטעהט? ער מיט די שברי-כלים איז דער גאַנצער איד און איך בין דער טפל-איד ווער איך שוין ברוגז און זאָג: אַז ביי מיר איז טאַקע דער טפל, פונדעסטוועגען וועלען מיר זעהן, ווער וועט אַ קיום האָבען. אידען זענען איבערגעקומען גרעסערע משולחת׳ן, וועלען זיי איבערלעבען דאָס אידישקייט אויך!

קריגען מיר זיך. דאַכט זיך אין פלוג, קינדער זענען געוואָרען אידען, הייסע אידען, און רעדען עפּעס פון אידען און אידישקייט און די מחלוקת זענען געבליבען דיזעלבע, ווי, נישט חיינט געדאַכט, אַמאָל, ווען איך בין געווען דער איד און זיי די פּאָליטישע דעמאָקראַטען. נאָר אויף דעמאָקראַטסווע און ראַבאָטשעוואַפּראָס פערשטעה איך זיך נישט, אָבער אויף אידישקייט פערשטעה איך זיך שוין אויך נישט? איך פרעג אייך?

נור איר ווייסם, וואָס איך וועל אייך זאָגען? עס איז דאָך בעסער. ווי, נישט היינט געדאַכט, אַמאָל, ווען אין דער דאָזיגער-שאַפּע איז געלעגען די טריף-פסולע סחורה מיט די זאַפּרעשצאָנע ביכלעך, און איך האָב בעדאַפט ציטערען, ווי אַ פיש אין וואַסער, היינט איז, דאַכט זיך, קיין געפאַהר נישטאָ, ווי מיינט איר? און אפשר? ווער ווייס? אידישיזם, פּאָלקלאָר, פּאָלקטילימליכקייט. עפּעס זענען מיר די נעמען נישט גלאַטיג. מען קען זיך נישט טשעפען, ווי מיינט איר?

זאָג איך צו מיינע קינדער: איך וואָלט וועלען זעהן אַמאָל אַ קונה אויף דער דאָזיגער סחורה. עפּעס האַנדעלט איהר און האַנדעלט און קיין קונים זעהח מען נישט. ענטפערט מען מיר, אַז אַזאַ סחורה פערקויפט מען נישט. מחמת אַזאַ סחורה איז אַ נאַציאָנאַלע רייכטום, אַנ׳עשירות פון אַ פאָלק. געפעלט אייך עפּיס אַזאַ מין עשירות?.. זאָג איך: איך וואָלט וועלען זיין אַ בעלן זעהן, צ קען מען פאַר די דאָזיגע עשירות געהן אַ פּאָר שיך—פאַלט מע

איך מיר אָן, ווי אויף המנ׳ען, אַז עס איז אַ חלול השם און אַז איך בין קיין ייד נישט און איך ווייס נישט, ווי צו האַלטען הייליג די אידישע טראַדעציע. שאַ! עפּעס אַ ניי וואָרט!.. איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז?

נור, מילא — טאַרדעציע - שמאַרדעציע, נור דער עיקר: טאָטע, גיב געלד! גיב אויף כאַרטיעס, שקלים, בעוועגכצע און היינט אויף טאַרדעציע. וואָס איז דאָס אַזוינס, איך בעט אייך?

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, למשל פאַלט צו מיר צו מיין זלמן טודרס: — אַ פינפאונצוואַנציגער! צו וואָס דאַרפסטו אַ פונפאונצוואַנציגער? ער דאַרף. באשר ס׳איז דאָ זעהר אַ וויכטיגע טעלעגראַמע פון ראָזשישץ. וואָס שטעהט אין דער טעלעגראַמע? — נאַ, לייען. לייען איך: קופּיל רעזנאַי וואָסטאָק, קוסאָק זשיוואָווא דערעווא, כסידאַצקי קרוזשאָצעק, פערעוואָדיטע, 25״... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? און איר וועט עס כאַקי נישט וויסען, מחמת דאָס איז נישט אייער בראַנזשע. מיין זוהן האָט עס מיר אָבער גלייך איבערגעזעצט. דאָס איז פשוט: דער משולח פון ראָזשישץ, וואָס פאָרט אַרום פון אונזער קאָנטאָר, קאַנטאָר פון פאָלקלאָר אויפצוקויפען די אַלע אַנטיקען, איז מודיע, אַז ער האָט געקויפט „רעזנאָי וואָסטאָק ד. ה. אַ געשניצטען מזרח, אַ שטיקעל עץ-חיים און אַ חסידישע רעדעלע, און די גאַנצע פאַרטיע סחורה טרעפט אָן ס״ה 25 רובל. און מיין זוהן זאָגט, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיגע קניה, אַ ווילדע מציאה, ממש בזיל-הזול...

אין אַ פאָר טאָג אַרום — אַ פרישע טעלעגראַמע, אַ סראָטשנע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָנאָגראַף מעכאַניקאָם. נוזשנאָ זאַפיסאַט באַזעצעניש״, ד. ה. מען זאָל תיכף ומיד אַרויסשיקען אַ פאָנאָגראַף מיט אַ מעכאַניק. מען דאַרף פערשרייבען אַ בעזעצעניש.

און ווידער אַמאָל אַ טעלעגראַמע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָטאָגראַפיטציקאַ אַפּאַראַטאָם נוזשנאָ סניאַט רוטשנויו קאַדקו לעכעוויצקאַי כאָלאָדנאַי סינאַגאַגי״... אַ ביסעל צייט האָבען מיר זיך דעם מח געבראַכען, וואָס איז דאָס אַזוינס? נאָר באַלד האָט ער, מיין זוהן, זיך אָנגעשטויסען. פאָרט אַ פאַך-מאַן. דאָס איז פשוט: מען זאָל גלייך אַרויסשיקען למע״ה אַ פאָטאָגראַף מיט דער מאַשין אָפּצופאָטאָגראַפירען דעם האַנד-פאַס פון לעכעוויצער קאַלטער שוהל-

אַז אַ משולח קומט פֿון דער נסיעה, איז ער אונזער גאַסט, אַזוי לאַנג, ביז ער ברענגט אין אָרדנונג זיינע געשעפֿטען, גיט אָפּ דין וחשבון פֿון זיין נסיעה, וועגען די אוצרות, וואָס ער האָט געהאַנדעלט און די עשירות, וואָס ער האָט געמאַכט.

דאָ ניט לאַנג קום איך אַהיים און טרעף צוויי פֿאַרשוינען, ווילד פֿרעמדע. דער ערשטער אַ איד אַ מנושמדיגער מיט אַצוקודעלטע שוואַרצע באָרד, מיט האָריגע הענד, מיט גרויסע ברעמען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, איין גרויסע שוואַרצע ברעם פֿערוואָרפֿען איבערביידע אויגען, ווי אַ שוואַרצע דוהע. דער אַנדערער—אַ יונגער מאַן, אַ לאַנגער און אַ דאַרער מיט אַ פּנים ווי אַ האַק, אַזוי אַז ווען מען קוקט פֿון דער זייט זעהט מען בלויז באַק און ווייטער גאָרנישט, אַ גרויסע פלאַטשיגע באַק, און אַז מען קוקט פֿון פֿאָרענט זעהט מען בלויז דעם שאַרף פֿון אַ גרויסע לאַנגע נאָז מיט אַ פּאָר גרויסע ברילען, וואָס שטעהען אויף איהם דיבאָם. גיב איך אַ פֿרעג די שטוביגע: ווער זענען דאָס די אורחים? ענטפֿערט מען מיר, אַז דער ערשטער איז אַ איד אַ שוסטער פֿון אַ קליין שטעטעל פֿון פּאָלטאַווער גובערניע, און דער אַנדערער איז אַ משולח, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אונזער קאַנטאָר,—קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר. אונטערוועגענס האָט דער משולח דערטאַפּט דעם דאָזיגען אידען פֿון פּאָלטאַווער גובערניע און געבראַכט אים צופֿיהרען מיט זיך. דער איד איז אַ גרויסע זעלטענהייט. ער איז איינער פֿון די עלטסטע פּורים-שפּילער און קען די גאַנצע „מסירה”, וואָס המן זאָגט פֿאַר'ן קעניג אַחשורש אויף אויסענוויעניג מיט'ן ניגון, מיט'ן טראָפּ, פֿערפֿעהלט ניט קיין וואָרט. נו, איז וואָס? — פֿרעג איך—איז דען היינט פּורים? צו וואָס דאַרפֿט איר דעם פּורים-שפּילער, אַז ס"ה האָבען מיר היינט אַרום שבעה-עשר בתמוז? ענטפֿערט מיר שוין דער משולח אליין: פּורים—זאָגט ער — איז טאַקי היינט ניט. נור די „מסירה” איז זעהר וויכטיג פֿאַר דעם ענין פֿון פֿאָלקלאָר. איז מילא, דעם נוסח וואָלט ער געקענט איבערשרייבען אויפ'ן אָ"ט גופֿא. אָבער דעם ניגון, וואָס טהוט מען מיט דעם ניגון? און קיין נאָטען קען ער, דער משולח, ניט. האָט ער זי־ מישב געווען און אַראָפּגעבראַכט דעם אידען אויף אונזער הוצאות

גלייך צו אונז אין שטוב אַריין. דאָ האָבען מיר די אמת'ע מוזי־קאַנטען. מיט די אמת'ע זינגער: דאָ וועט מען דעם אידען שוין טון זיין רעכט. ובכלל — זאָגט דער משולח—איז פון דעם אידען דאָ געגוג צו נאַשען, מחמת דער איד איז אַ זעלטענער טיפּ. פרעג איך: וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מלאָכה „טיפּ" ? ענטפערט ער, אַז טיפּ איז ניט קיין מלאָכה, נור ער שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ מין טיפּ. — אַהאַ! פערשטעה איך שוין, זאָג איך, דאָס איז משמעות אַזאַ פאָרשטעלונג, אַזאַ פּרעדסטאַווליעניע, אַ פּורים־שפּיל? ענטפערט ער, אַז דאָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג און ניט קיין פּרעדסטאַווליעניע, נור אַ מין כאַראַקטער, אַזאַ טיפּישקייט. ער איז דורך און דורך טיפּיש: ער רעדט טיפּיש, דענקט טיפּיש און פיהלט טיפּיש. המם—זאָג איך — און כאַפּ אַ קוק אויף דעם אידען און אויף דעם משולח—סאיז איז נאָך אַ שאלה, זאָג איך, ווער פון אייך עס איז דער טיפּיש און ווער דער חכם...

און רייך, זאָגט מען מיר, איז דער איד, אַ'עושר, מיט אַ גוואַלדיגען בּאַגאַזש, ניט ח"ו אין קאַפּיטאַל, און דער בּאַגאַזש מען זאָל עס אָנקוקען, איז אויך ניט גוואַלטיג. אַ קלומעך מיט אַ טלית־קטן. אלא וואָס דען? ער האָט אַ פערמעגען פון ווערט־לאַך. פאָלקס־ווערטלאַך, אַנעשירות פון שפּריכווערטער. קען דעם גאַנצען שמחת־תורה'דיגען פערדרעהטען קדוש. א צוויי דריי דרשות פון אַ פּורים־רב, און ווייס כמעט אַלע צונעהמענישען פון אַלע שטעדט: מינסקער חזרים, בּעלזער גענז, סלוצקער פלאָדען, טישע־וויצער טענצער, בּאָבּריקער לבנה, יאַמפּעלער ענדיקעס, בּאָבּרויסקער אַרעסטאַנטען וכדומה... ער וועט אייך קיינמאָל ניט פערבּייטען, חלילה. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! מחמת ניט איין מאָל קאָכען זיך בּיי אונז אויף גוואַלדיגע ופוחים. חברה ווערט איינ־געטיילט אין צוויי כתות: איין כתה האַלט, אַז מען דאַרף זאָגען: „בּעלזער געגז" און „יאַמפּעלער ענדיקעס", און אַ צווייטע כתה האַלט אַז מען דאַרף זאָגען פּונקט פאַרקערט: „יאַמפּעלער גענז" און „בּעלזער ענדיקעס"...

אַפילו מיין טאָכטער געפינט אויך, אַז דער איד האָט אין זיך עפּעס, עפּעס שפּיגעלט זיך אין איהם אָפּ, עפּעס דערמאָנט ער... מיט איין וואָרט, דער איד זאָל זיין אַ מערקווירדיגע בּריאה, אַ

זילטענער אַנטיק. און איך קוק, און זוך, און זעה גאָרנישט. אַ איד, אַ שוסטער פון אַ גאַנץ יאָהר. און ביים טיש פּאַקט ער, אָהן עין-הרע, די סעודה ווי אַ געוויינליכער בשר ודם...

אויסגעריכט דעם אידען אין אַ גוטער שעה. געקומען אַהיים, דערוויס איך אַ נייעם גאַסט — אַ אידינע, אין שטיוועל, מיט אַ קויש. שוין אַ היגע. ווער איז די אידינע? — אַ אידינע, אַ מאַרק-זיצערין. גרונס מיינער האָט זי געבראַכט צו פיהרען פון מאַרק. וואָס איז מיט איר די שמחה? זי קען זיך שעלטען. שעלט מיט טויט-ביטערע קללות, האָט אַ זעלטענעם טאַלאַנט, זאָגט ער, צו שעלטען זיך. איז וואָס — זאָג איך — ביזטו עס בלק און זי אַ בלעם? און וועמען ווילסטו זאָל זי שעלטען?? קיינעם ניט — זאָגט ער. נור ער דאַרף עס האָבען צוליב דעם פאָלקלאָר. ער קלייבט אַ קאָלעקציע אידישע קללות. און איהרע קללות זענען אמת'ע קללות, אידישליכע קללות. פול מיט פאָלקסטימליכקייט! גוואַלד, רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ זאַך אָט דאָס פאָלקסטימ-ליכקייט. וואָס צו וואָס מען זאָל זיך ניט צושטעקען איז עס דאָרט פאַראַן?...

שטעהט זי, די אידינע און שעלט און שעלט מיט טויטע ביטערע קללות, „שבעה זאָלסטו זיצען אין אַזומער-טאָג און ציין-וועהטאָג זאָלסטו האָבען אין אַ ווינטער-נאַכט”, „זאָל מען פון דיר, די קישקעס מאָטעווען און דעם בית-עולם מעסטען”, „אַגרויסע מזל-ברכה אין דיין היבשען פעקעל צרות” און נאָך אַזעלכע קללות, אַז בעהיט זאָל מען ווערען. אויף וויסטע וועלדער און פוסטע וועלדער זאָל, עס פאַלען. אַנ'אמתע תוכחה ר"ל. און מיין גרונם שטעהט און פרעגעלט זיך פאַר נחת, און ער פערשרייבט, פערשרייבט אין זיין ביכעלע אַריין מיט פירושים, יעדער קללה מיט אַ בעזונדער פירוש און גיט עס איבער מיין טאָכטער צום אָבדרוקען אויף דער שרייב-מאַשין — אַזוי פיעל ברכות זאָל איך האָבען, רבונו של עולם ווי פיעל די דאָזיגע קאָלעקציע קללות האָט מיך אָפּגעקאָסט...

ווי לאַנג פלעגען מיינע קינדער לאַכען פון מיין שלש-סעודות-פראַווען אין חסידים-שטיבעל? חוזק מאַכען פון די נגונים מיט דאָס באַמקען? געשריען: ווילדקייט! פאַנאַטיזמוס! הייַנט לויפען זיי אַליין אין אַ שוהל אַריין מיט מעהר אימפעט פון מיר. דערהאַרט

ריך: קינדעוי לויפֿען אין שוהל אַריין גלייך מיט'ן טאַטען. דאַכט זיך גאָר גוט, און דאָך... איז עס עפּעס נישט דאָס...

מיין שבת'דיגע זמירות איז ביי זיי לעילא ולעילא געוואָרען — מיין שלש סעודות-פּראַווען מיט'ן רבינ'ס נגון איז ביי זיי אין לשעיר, פֿון מיין הבדלה-מאַכען מאַכט מען אַ גאַנצען פּאַראַד, מיין זלמן טוררס וויל, איך זאָל ניט אַנדערש הבדלה מאַכען נור אין זיינעם אַ פֿערזשאַווערטען בעכער פֿון זיינע שברי-כלים... מיין טאָכטער די קורסיסטקע קריכט אַרויף אויפ'ן שטוהל, זי וויל האַלטען די הבדלה-ליכט; אין מיין גראַסים, גרונם מיין איך, שטעלט אָן זיינע מכשירים: פֿון איין זייט הודזשעט דער פֿאָנאָגראַף, פֿון דער צווייטער זייט דרימפּעלט דער קינעמאַטאָגראַף; פֿון פֿאָרענט שטעהט אַ מאָלער פֿון דער קאַדעמיע און מאָלט מיך אויף אַ פּאָרטרעט, און פֿון הינטען שטעהט דער קאַפּעלמייסטער פֿון קאָנסערוואַטאָריע און פֿערשרייבט אויף נאָטען מיין הבדלה-נגון... און איך שטעה אַ מבולבל'ער. וואָס האָבען זיי פּלוצלונג דערזעהען אויף מיר?! 50 יאָהר אַז איך מאַך הבדלה און קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, און איצטער איז עס געוואָרען אַ גאַנצער חידוש. עס געפֿעלט זיי די צערעמאָניע, אַ קאַרטינע, אַ פּאַנאָראַמע אַ טרעאַטער... דער זוהן שרייט: זעהט נור אַ שטערען! די טאָכטער שרייט: זעהט נור אַ נאָז! אַ דאַנק גאָט, געפֿונען ביים טאַטען אַ נאָז! דער מאָלער זאָגט, אַז איך דערמאָן איהם אַ רילי-ען-קאָפּ. איהר קענט מיר ניט זאָגען, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ-פֿיש אַזאַ? בכלל געפֿינען זיי אין מיין פּנים כתום ורמסות, און אין מיין באָרד? אַ, ווע, וואָס אין מיין באָרד געפֿינט זיך! כאַראַקטעריטשניקייט, מיט געשיכטע, מיט היסטאָריע, מיט סטיל, מיט פּאָעזיע, מיט ביבליע און ווידער אַמאָל, ווי רופֿט מען עס — פֿאָלקטימלעמליכקייט.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך בין אַ מעלן געוועזן נאָך הבדלה בגנבה אַ קוק געבען אין שפּיגעל. געמיינט, אַז עס איז ביי מיר אויסגעוואַקסען אַ לונג-און לעבער אויף דער נאָז...

דאַ ניט לאַנג גיב איך אַ זאָג צו מיינע קינדער: אפֿשר וואָלט געווען גאָר אַ מאָל אַ יושר, איהר זאָלט תּתונה האָבען

מען רעדט אייך, זאָג איך, פֿײַנע שדוכים מיט די שײנע נדנ׳ס איהר האַלט דאָך פֿון אידישקייט. און חתונה האָבען איז אַ אידישע זאַך. ענטפֿערט מען מיר כסדר: מײַן זלמן טודרס זאָגט: ער קען ניט חתונה האָבען. ער האָט אַ אידעאַל. זאָג איך איהם, אַז מען דאַרף בײַ זיך פֿונדעסטוועגען ניט אָראָפּפֿאַלען. עס טרעפֿט, גאָט וועט געבען, מען וועט דעם חסרון נישט באַמערקען. זאָגט ער: אַ אידעאַל איז נישט קיין חסרון. וואָס דען איז עס?— דאָס איז אַזאַ מין פֿאַנטאַזיע. און ער זאָגט מיר אָפּ עפּעס אַ גאַנץ ליעדעל: „איך וויל, אַז מײַן ליעבע זאָל ווערען געשלאָסען אויף איינע פֿון יענע פֿערוואָרפֿענע געסלאַך״... מען וועט זיך, זאָג איך, בײַ דיר אפֿשר איינבעטען, דו זאָלסט חתונה האָבען פֿון אַ כּאַ־אָרדנער גאַס? חס וחלילה! דוקא פֿון פֿערוואָרפֿען געסעל! מחמת אַ פֿערוואָרפֿען געסעל האָט אין זיך מעהר פֿאָלקטילימליכקייט. און ער זאָגט מיר ווידער אָפּ אַ גאַנצען פּזמון: ער וויל, אַז די כּלה זאָל זײַן אַ אידישע טאָכטער און אַ באָבען זאָל זי האָבען, וואָס זאָל לייענען דעם צאינה-וראינה, און אַ קאַץ זאָל זיך דערבײַ וואַרעמען, און אַ זיידע זאָל איהם מיט ציטערדיגע הענד בענשען אונטער דער חופּה און אַזוי כּסדר. אַ יודישע טאָכטער, אַ בעל הבתיש קינד, הייסט עס, מהיכא תיתי, נאָר זאָגען, אַז אַ באָבע מיט אַ צאינה-וראינה זאָל זײַן אַ גרויסער נדן, און אַ קאַץ, וואָס וואַרימט זיך, זאָל זײַן אַ שענער דרשה-געשאַנק — קען מען נישט זאָגען, נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פֿאָלקטילימליכקייט...

מײַן גרונם הערט זיך אַפילו יאָ צו צו שדוכים. וויל ער אָבער נאָר אַ אידישיסטקע. און די שדכנים ווייסען נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. בײַ זיי אין די ביכלאַך איז נאָך דער מין סחורה נישט פֿאַרשריבען. זיי פֿרעגען אַלץ, צו וואָסער פֿאַראָדע עס געהערט און וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ברונעטקע, צי אַ בלאָנדינקע?

און מײַן טאָכטער, די קורסיסטקע—זי האָט שוין אַ חתן, עפּעס פֿיהרט זי זיך אַרום מיט אַ בחור, אַ נידעריגער, אַ דיקער אָהן וואָנסען, לאַנגע האָר און אַ גרויסער גדלן. וואָס איז זײַן פּראָפֿעסיע?—ער זינגט לידלאַך. פֿאָלקס-לידלאַך, רופֿט מען עס. דאָס איז זײַן ספּעציאַלנאָסט. דער עולם, לעקט פֿון איהם די

פינגער. אַ גוואַלדיגער מנגן, זאָגט מען אויף איהם, לייענט בלאַט, קען גוט נאָטען, קען זיין אַ רעזשיסאָר אין אן אָרקעסטער און אָנפירען מיט אַ גאַנצער קאַפעליע... און איך, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, ווייס נישט וואָס דאָס איז פאַר אַ פרי. אַ חזן ניט אַ חזן, אַנ׳ז. קאָזיאָר שציק נישט קיין אַקטיאָרשציק. וואָלט ער כאָטש זינגען אָפּערעס, אָדער אַזוי עפּעס ספּריאָזנע שט-קער מוזיק, צי סטראַיען זיך אויף אַ קאָר-חזן. זינגט ער אַלץ אַזעלכע לידלאַך, וואָס עס שלאָגט פון זיי חלשות! וואו נור א שוסטער-לידעל, צי אַ שניידער-לידעל איז דאָס זיין געשעפט. נור אז א שוסטער, צי א שניידער-יונג צי א דינסט-מיידעל זינגט אזא לידעל, איז נאָך צו דערליידען. אָבער אַז עס שטעלט זיך אוועק אָט דער בחור פון קאָנסערוואַטאָריע אין א שווארצען פראַק מיט די ווייסע הענטשקעס און שטעלט זיך אוועק מיט אַ גדלות. פערוואַרפט אַ פוס פון הינטען און א פוס אויף פאָרענט און פערלעגט א האַנד אויפ׳ן הארצען און פערגלאָצט די אויגען און זינגט ארויס ווי פון אַ טרומייטער: „יעקל מי׳טן פידעל, בעריל מיטן באַס״ אָדער: „האָב אַ פאָר אָקסען, ווי זיי בראָקען לאָקשען״, שטעה איך און טראַכט: אָדער איך בין משוגע, אָדער די וועלט איז משוגע

און מיין טאָכטער העלפט איהם מיטזינגען. הערסטו, דערפון נעמט זיך דאָך די גאַנצע ליבע. ער האָט אויסגעפונען, אז זי האָט אַ גוואַלדיגע שטים, אַ מצה-סאָפּראַן מיט אַ קלאַוואָטור. זינגט זי אַ גאַנצען טאָג הילכט די שטוב מיט איהר געזאַנג. זאָל דאָס זיין איין רעכט לידעל! „פייגעלע, פייגעלע פי פי פי״, „שטעהען אַ פאָר טייטשען מיט די לאַנגע ביינטשען״ ער בעט זיך רחמים: „זעה, נחמה׳לע, עפען מיר!״ ענטפערט זי מיט טרערען ממש: „איך האָב מורא פאַר דער מאַמען״. אַ חכמה! און נאָך אזעלכע לידער פון איינליבעניש אין פערפיהרעניש, פון אַ בייזע שוויגער און אַ בייזע ווערטשערע... איצט דאַרף זי שוין נישט קיין קורסען, איצט איז שוין קאָנסערוואַטאָריע! נישט צוליב פראַזשאָזשיטעלסטווא, חלילה נור פשוט, כדי צו קענען זינגען די לידלאַך.

און אין דער אמת׳ן, ווי קען מען זינגען „פייגעלע, פייגעלע, פי, פי, פי,״ אָדער „ציגעלע מיגעלע קאָטינקע״, ווען מען האָט נישט קיין דיפּלאָם אויף לכל הפחות אַכט קלאַסען קאָנסערוואַטאָריע.

אָט אַזוי איז עס, מיין פריינד. און איך האָב געמיינט, אַז איך

וועל פון מיינע קינדער דערלעבען אביסעל מער נחת: אנ'איידעם וועט שטעהן נעבען א זעג-מיהל און וועט פארשרייבען אין ביכלע אריין ברעטער און געהילץ און נישט פירושים אויף צאינה וראינה, און א שנור וועט זאגען „שווער", און אייניקלאך אין גימנאזיסטקע היטעלאך וועלען שרייען „זיידע". ערשט נא דיר אַ-נייע אנשיקעניש. אידישיזם... אסך משולחת'ן פאראן ביים רבונו של עולם...